# הליכות והלכות

ישיבה ותלמוד תורה ויראה דרב"י קרית יואל יצ"ו - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת — גליון נ"ד - הלכות תפילה - או"ח סימן ק"א (שיעור פר' ויצא) — שנת תשע"ו לפ"ק


## סימן ק"א – לכוין בכל הברכות

ד) אויב מ'דאווענט בציבור קען מען דאווענען אויף סיי וועלכע שפראך, אבער ביחידות זאל ער נאר דאווענען אויף לשה"ק, ווייל די מלאכים פארשטייען נאר לשה"ק, משא"כ תפילה בציבור נעמט הקב"ה אליין אן די תפילה (באה"ט).

וי"א אז די תפילה הקבועה לציבור מעג א יחיד אויך זאגן בכל לשון, נאר ווען ער בעט א פריוואטע בקשה, ווי א תפילה אויף א חולה, אדער א אנדערע פריוואטע צער און עגמ"נ, זאל דער יחיד מתפלל זיין אויף לשה"ק. א דריטע דעה איז דא אז א יחיד מעג אלעס בעטן אויף אלע שפראכן אויסער לשון ארמי. וואס די מלאכים נעמען נישט אן ווייל עס איז מגונה בעיניהם (בעה"ט).

## סימן ק"ב – שלא להפסיק נגד המתפלל

א) מ'טאר נישט זיצן אין די ד' אמות פונעם מתפלל, סיי פארנט סיי אין די זייט. אויב אבער ער איז עוסק אין עניני תפילה, אפילו אין פרק איזהו מקומן דארף ער זיך נישט דערוייטערן. עס זענען דא מתירים אויב ער לערנט, און ער זאגט ארויס די ווערטער מיטן מויל, משא"כ אויב ער האט נאר אינזינען נישט (באה"ט), **אפילו עס איז נישט מתיקוני תפילה.** אויב עס איז נישט קיין שעת הדחק זאל מען אננעמען די ערשטע דעה (א"ר חיי"א ומשנ"ב).

**עס איז דא א דעה אז די קולא איז נאר אויב ער זיצט פון די זייט, אבער פארנט איז אסור כמלא עיניו, אפילו ער ליינט קרי"ש זאל ער נישט זיצן כנגד המתפלל.**

**ב) יש מי שאומר אויב ער איז א חלש מעג ער יא זיצן בצד המתפלל.**

**ג) אויב ער איז שוין געזעסן דארט בעפאר, און דער מתפלל איז נאכגעקומען שפעטער, דארף ער זיך נישט אויפשטעלן פון פלאץ, אבער עס איז א מידת חסידות אז ער זאל זיך יא אויפשטעלן אפילו אויף אזא אופן** (רמ"א).

ד) מ'טאר נישט אריבער גיין ד' אמות פארנט פון די מתפללים, אבער בײ די זייטן **מעג מען יא אריבערגיין אדער שטיין.** אויב אבער דער מתפלל האט זיך געשטעלט אינמיטן דורכגאנג, מעג מען דארט יא אריבערגיין. עס זענען דא מקילים אויב עס שטערט נישט פארן מתפלל, צום ביישפיל, ער האט אראפגעצויגן דעם טלית אויפן פנים, אדער ער דאוונט מיט פארמאכטע אויגן. אזוי אויך אויב עס איז לצורך מצוה, אדער מ'האט אים גערופן צו אן עלי' לתורה, אדער אויב דארף ער ארויסגיין לצרכיו.

**ה) אויב ער האט געענדיגט שמונה עשרה און איינער שטייט אונטער איהם זאל ער נישט אויסטרעטן דריי טריט ביז ווען יענער האט געענדיגט דאווענען, ווייל דאס הייסט אן עובר כנגד המתפלל, און מ'דארף מדקדק זיין דערויף, אפילו אויב יענער האט זיך געשטעלט דאווענען שפעטער ווי איהם, דאך טאר מען אים נישט שטערן.**

## סימן ק"ג – מי שנזדמן לו רוח בתפילתו

**א) אויב אינמיטן דאווענען איז ארויסגעגאנגען פון איהם א רוח, זאל ער ווארטן ביז ווען דער ריח לאזט נאך און ער זאל ווייטער דאווענען.** אפילו עס האט געדויערט כדי לגמור את כולה זאל ער נאר ממשיך זיין ממקום שפסק. (באה"ט)

**ב) אויב ער שפירט אז עס מוז ארויסגיין א רוח און ער קען זיך נישט איינהאלטן, זאל ער גיין אויף צוריק פיר אמות און ער זאל ארויסגעבן דעם רוח, און ער זאל ווארטן ביז ווען דער ריח ענדיגט זיך, און ער זאל זאגן אינמיטן דאווענען "רבון העולמים יצרתנו נקבים נקבים חלולים מחלולים, גלוי וידוע לפניך חרפתנו וכלימתנו חרפה וכלימה בחיינו רימה ותולעה במותנו". און ער זאל צוריק גיין צו זיין פלאץ, און ער זאל ווייטער ממשיך זיין פונעם פלאץ וואו ער האט זיך אפגעשטעלט.**

**דער רמ"א ברענגט א דעה אז דאס איז נאר ווען ער דאוונט אינדערהיים ביחידות, אבער בציבור ווען עס איז אים א גרויסע בושה זאל ער זיך נישט אוועקרוקן און ער זאל נישט זאגן דעם 'רבון העולמים', נאר ער זאל ווארטן ביז דער ריח ענדיגט זיך, וכן נוהגין.**

**ג) ווען איינער איז מתעטש אינמיטן דאווענען, מלמטה סימן רע לו, מלמעלה סימן יפה לו.**

## שאל אביך ויגדך

### קעו

**שאלה: אין א עיבור יאר זאגט מען ביז ר"ח אדר בײ מוסף "ולכפרת פשע", וואס איז דער שייכות פון די צוויי ווערטער מיט חודש אדר, אדער מיט א עיבור יאר?**

תשובה: אין אלי' רבה (סי' תכ"ג סק"ו) ווערט געברענגט א טעם, ווייל אין די תפלה זאגט מען 12 לשונות וואס מען בעט אויפן נייעם יאר לטובה, ולברכה, לששון, ולשמחה, לישועה, ולנחמה, לפרנסה טובה, ולכלכלה, לחיים טובים, ולשלום, למחילת חטא, ולסליחת עון, וואס יעדע בקשה באציהט זיך אויף איין חודש, דעריבער ווען עס איז אן עיבור יאר, און דאס יאר האט 13 חדשים, לייגט מען צו "ולכפרת פשע", קעגן חודש אדר ב'.

לויט דעם טעם וואלט מען אין א עיבור געדארפט זאגן "ולכפרת פשע" אלע 13 חדשים פונעם יאר, און אזוי ווערט טאקע געברענגט אין שו"ת זכרון יהודה, אז זיין רבי דער מהר"ם אש האט זיך טאקע אזוי געפירט צו זאגן אין א עיבור יאר "ולכפרת פשע" אלע 13 חדשים פונעם יאר.

אין פרי מגדים שטייט אבער אז מ'זאגט נאר "ולכפרת פשע" ביז חודש ניסן, און אזוי פירן מיר זיך טאקע אז מ'זאגט נישט א גאנץ יאר, דארף מען פארשטיין דער טעם דערפון.

בכלל דארף מען פארשטיין פארוואס האט מען מתקן געווען צו זאגן "ולכפרת פשע", וואס צייגט ווי מען טוט תשובה אויף א געוויסע זינד?

אין ספר מילין יקירין (בליקוטים) ווערט געברענגט א שיינער טעם, ווייל די גמרא זאגט אין מס' סנהדרין (דף י"ב ע"ב) אז אז חזקי' המלך האט מתפלל געווען ה' הטוב יכפר בעד, אז דער אייבערשטער זאל אים מוחל זיין אויף א זינד, דערציילט די גמרא אז די זינד פון חזקי' המלך איז געווען, אז ער האט מעבר געווען חודש ניסן, און עפ"י הלכה מעג מען נאר מעבר זיין חודש אדר.

לויט דעם קען זיין אז דאס איז דער טעם פארוואס מיר זאגן "ולכפרת פשע" אין א עיבור יאר, ווייל מיר טוען תשובה אויב האבן מיר געמאכט א עיבור יאר שלא כדין, אזוי ווי חזקי' המלך, דאס איז נאר שייך ביז חודש אדר, אבער נאך חודש אדר,

## סימן ק"ד – שלא להפסיק בתפילה

**א) ער זאל נישט מפסיק זיין ביים דאווענען,** דעריבער דארף מען זיך שטעלן דאווענען אויף א פלאץ וואו ער זאל נישט געשטערט ווערן (כה"ח סי' י"ב) **אפילו א מלך ישראל איז שואל בשלומו זאל ער נישט ענטפערן, אבער אויב עס איז א גוי'אישער** מלך, אזוי אויך סתם א רויבער, וואס ער האט מורא אז ער וועט איהם הרג'ענען, **אויב קען ער מקצר זיין, ד.ה. ער זאל זאגן די אנהויב און סוף פון די ברכה נאך איידער יענער קעניג קומט אן צו אים זאל ער מקצר זיין, אדער אויב ער קען זיך אוועק רוקן אין א זייט, זאל ער זיך ענדערש אוועק רוקן און נישט מפסיק זיין בדיבור.** אבער וועגן א הפסד ממון זאל ער נישט מפסיק זיין (באה"ט).

**ב) אויב האט ער געדאווענט אויפן וועג און א בהמה אדער א וואגן איז געקומען קעגן אים זאל ער זיך אוועק רוקן פון וועג און ער זאל נישט מפסיק זיין, אבער פאר א צווייטע סיבה זאל ער זיך נישט אוועקרוקן פון פלאץ ביז ווען ער ענדיגט דאווענען, נאר אויב ער האלט שוין ביי אלקי נצור.** אבער שלא לצורך זאל ער זיך נישט רוקן ביז נאכדעם וואס ער האט אויסגעטרעטן דריי טריט (באה"ט).

**ג) אפילו א שלאנג איז אנגעבינדן אויף זיינע פיס זאל ער נישט מפסיק זיין.** אבער ער קען זיך אוועק רוקן אויף א צווייטע פלאץ כדי דער שלאנג זאל אראפ פאלן פון אים, ווייל מיר געפונען נישט אז גיין זאל זיין א הפסק (באה"ט). **אבער א עקרב וואס איז מער מסוכנ'דיג זאל ער יא מפסיק זיין, אזוי אויך אויב ער זעהט אז דער שלאנג איז ווילד און וויל אים שעדיגן זאל ער יא מפסיק זיין.**

**ד) אויב ער זעהט אן אקס קומען קעגן אים, זאל ער זיך אפשטעלן, ווייל מ'דארף זיך דערווייטערן פון א שור תם 50 אמות, און פון א שור מועד ווי ווייט דער אויג זעהט. אויב אבער די אקסן פון יענעם פלאץ שעדיגן קיינמאל נישט, זאל ער זיך נישט אפשטעלן אינמיטן דאווענען.**

**ה) יעדעס מאל ווען ער שטעלט זיך אפ אינמיטן דאווענען, אויב איז דאס געווען א לאנגער הפסק פון שהה כדי לגמור את כולה, דארף ער נאכאמאל אנהייבן פון אנהויב שמונה עשרה, אויב נישט זאל ער נאר אנהייבן פון אנהויב פון די ברכה וואו ער האט זיך אפגעשטעלט. אויב האט ער זיך אפגעשטעלט ביי די ערשטע דריי ברכות, זאל ער אנהייבן פון אנהויב, און ביי די לעצטע דריי ברכות זאל ער צוריק גיין ביז רצה.**

**ו) דאס וואס מיר האבן געלערנט דעם שיעור פון "שהה כדי לגמור את כולה", דאס ווענדט זיך לויטן מענטש,** ווי אזוי ער דאוונט געוועגליך, איינער שנעלער איינער שטאטער. **אויב האט ער אויסגערעדט אינמיטן דאווענען, איז די הלכה אזוי ווי מיר האבן געלערנט ווען מ'איז מפסיק ביים דאווענען.**

**ז) מ'איז נישט מפסיק נישט צו קדיש און נישט צו קדושה, נאר ער זאל בלייבן שטיל ביז יתברך און אינזינען האבן צו דעם וואס דער שליח ציבור זאגט, און דאס איז 'שומע כעונה' אזוי ווי ער זאגט מיט מיטן ש"צ.** אויב ער דאוונט ער מיט כוונה, און ער איז חושש אז מיטן אפשטעלן זיך און אינזינען האבן צום ש"צ וועט ער צומישט ווערן ביים דאווענען, זאל ער ווייטער דאווענען ווי געהעריג (כה"ח סקל"ו). אזוי אויך אויב ער האט שוין געהערט קדושה און ברכו, אדער ער וועט באלד הערן פון א צווייטע מנין, דארף ער נישט שווייגן און יעצט הערן פונעם ש"צ (עפימ"ש המג"א סי' ק"ט סק"ג).

**אויב מ'רופט אים אויף צו אן עלי' לתורה אינמיטן שמו"ע זאל ער נישט מפסיק זיין.** אבער אויב ער האט שוין געענדיגט שמו"ע, אפילו ער האט נאכנישט אנגעהויבן אלקי נצור, זאל ער מפסיק זיין, און ער זאל זיין נזהר צו זאגן בעפאר 'יהיו לרצון' (לבוש וא"ר).

**ח) נאכדעם וואס ער האט געענדיגט תפילת שמו"ע, און ער האלט פאר אלקי נצור, קען ער יא ענטפערן קדושה, קדיש, און ברכו.**

## סימן ק"ה – דין המתפלל ב' תפילות

**א) איינער וואס דאווענט צוויי תפילות** שמונה עשרה **איינס נאך די צווייטע דארף ער ווארטן צווישן איינע און די צווייטע א שיעור פון הילוך ד' אמות,** לכתחילה זאל ער זאגן 'אשרי' צווישן די צוויי תפילות, **כדי זיין דעת זאל זיין מיושב אז ער זאל קענען דאווענען מיט א לשון פון א תחינה.**

אזוי אויך אויב ער האט געענדיגט שמו"ע און ער האט זיך דערמאנט אז ער האט זיך טועה געווען ביי א זאך וואס מ'דארף איבער דאווענען, זאל ער לכתחילה ווארטן א שיעור פון הילוך ד' אמות, און דעמאלטס דארף ער נישט נאכאמאל אויסטרעטן צווישן איין שמו"ע און די צווייטע (עי' משנ"ב סק"ג). אבער אויב ער האט נאכנישט געענדיגט שמו"ע, נאר אינמיטן שמו"ע האט ער זיך דערמאנט אז ער האט זיך טועה געווען, און ער דארף איבערדאווענען, זאל ער נישט ווארטן ווייל עס איז ווי איין לאנגע תפילה.

## שאל אביך ויגדך

ווען עס איז שוין אריבער דער חודש העיבור איז שוין נישט שייך תשובה צו טון דערויף, ווי חז"ל זאגן אז נאכדעם וואס בי"ד האט געמאכט א תקנה, בלייבט דאס שוין אזוי אפילו אויב עס איז געווען א טעות, וועגן דעם זאגט מען "ולכפרת פשע" נאר ביז נאכן חודש העיבור. (ועי' כעי"ז בטעמי המנהגים עניני ר"ח בקו"א על סי' תמ"ח).

אין מקור חיים (סי' תכ"ג ס"ג) זאגט ער אז מ'דארף טאקע נאר זאגן "ולכפרת פשע" נאר אין ר"ח אדר ב', און נישט אין אלע חדשים ביז דעמאלטס.

### קעז

**שאלה: וואס איז דער חילוק פון שעות זמניות און שעות שוות? און ווען רעכענען מיר לויט 'שוות' און ווען לויט 'זמניות'?**

תשובה: אין מס' פסחים (דף נ"ח ע"א) לערנט מען ארויס אז דער תמיד של בין הערבים האט מען גע'שחט'ן בשמונה ומחצה, דאס מיינט צווישן האלב דריי און האלב פיר נאכמיטאג. דאס לערנט מען ארויס פון 'בין הערבים' וואס דאס איז פונקט אינמיטן פונעם צווייטן האלב טאג. וואס דאס איז די העלפט פון 12 ביז 6. און דעמאלטס איז טאקע מנחה קטנה.

לכאורה פרעגט מען ווי אזוי קען זיין אז מ'האט גע'שחט'ן א גאנץ יאר אין די זעלבע צייט, אין זומער איז דאך דער 'צאת הכוכבים' מיט עטליכע שעה שפעטער, און ווינטער סך פריער. לערנט מען ארויס פון דעם אז לגבי דיני תורה רעכנט מען נישט 'שעות שוות', וואס איז 60 מינוט א שעה. נאר מ'נעמט דעם גאנצן טאג, פונעם עלות ביזן צאת, לויט ווי גרויס דער היינטיגער טאג איז, און מ'צוטיילט עס אין 12 חלקים, אזוי קען אמאל אויסקומען א שעה אין חודש כסלו איז ווייניגער ווי 60 מינוט, און אין חודש תמוז קען א שעה האבן 90 מינוט, און לויט דעם קען טאקע אלס זיין דער זמן שחיטה 2:30 אבער דאס מיינט נישט לויט אונזער זייגער, נאר לויטן 'שעות זמניות', דאס איז דער תורה-זייגער וואס איז געוואנדן לויט יענעם טאג.

דער עלות השחר איז אלעמאל 72 מינוט מינוט 'שוות' פארן 'נץ החמה', די שקיעה איז אויך אלעמאל 72 מינוט פארן צאת הכוכבים. אבער אלע זמנים במשך דעם טאג, ווי דאס אז סוזק"ש איז דריי שעה אויפן טאג, און סוף זמן תפילה איז פיר שעה אויפן טאג. אזוי אויך נאכמיטאג צוויי א האלב שעה פארן צאת איז מנחה גדולה, און א שעה מיט 15 מינוט פריער איז פלג המנחה, די אלע זמנים רעכנט מען 'שעות זמניות'.

עס איז נישט שווער אליינס צו קענען אויסרעכענען ווען עס איז סוזק"ש און סוז"ת, ווען מ'קוקט יעדן טאג ווען עס איז דער 'עלות' און ווען דער 'צאת' און מ'צוטיילט עס אויף 12 חלקים, און לויט דעם רעכנט מען אויס וויפיל עס איז צוועלף שעה.